# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תבא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 450



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון מהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### זאגן 'לשם יחוד' פאר א מצוה

"וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב" (כו ה)

**רבי שלמה קלוגער** ערקלערט די מעלה פון זאגן 'לשם יחוד' פארן מקיים זיין די מצוה מיט א טרעפליכן משל: איינער האט געמוזט טראנספארטירן טייערע סחורות דורך א געדיכטן וואלד, פול מיט רויבער און גזלנים. דער מענטש איז געשטאנען ביים אריינגאנג פון וואלד ווען ער איז פארלוירן און זוכט א עצה ווי אזוי אריבערן פירן די סחורה בשלום. פלוצים איז א קלוגער אדורך געגאנגען און ווען ער האט דערהערט זיין זארג האט ער אים געזאגט: "הענג אויף אויף דיין וואגן א גרויסן שילד און שרייב אויף דעם אז די סחורה אין די וואגן געהערט צום קעניג, אזוי וועסטו זיין פארזיכערט אז גזלנים וועלן צו דעם נישט צורירן, ווייל ווער דערוואגט זיך האבן צוטון מיטן קעניג..."

אויך דער מענטש וואס קומט מקיים זיין א מצוה, האט מורא פון די מקטרגים און מזיקים וואס ווילן עס אוועק כאפן פון אים. וועגן דעם האט מען מתקן געווען זאגן 'לשם יחוד' וואס דורך דעם רופט ער אויס אז די מצוה איז א מתנה פארן מלך מלכי המלכים. אזוי קען ער זיין רואיג אז די מקטרגים וועלן זיך אפהאלטן פון זיך דערנענטערן זיך צו אים.

מיט דעם טייטש דער מהר"ש קלוגער דעם פסוק (תהילים מה ב): "רָחַשׁ לִבִּי דָּבָר טוֹב - אֹמֵר אֲנִי מַעֲשַׂי לְמֶלֶךְ". ווען א מענטש קומט טון א "דָּבָר טוֹב", זאל ער פריער אויסרופן: "מַעֲשַׂי לְמֶלֶךְ!", און מיט דעם איז ער פארזיכערט אז די משטינים און מקטרגים וועלן זיך נישט דערנענטערן צו אים.

דער **מהרש"ם פון ברעזשאן** זאגט אז דער זאך איז אויך מרומז אין אונזער פסוק: געווענליך ווען א מענטש האט מורא פון די וואס זענען מקטרג אויף אים, זאגט ער זיינע ווערטער שטיל [זעה טור או"ח סי' תריט גבי אמירת 'ברוך שם...'] אבער דא זאגט דער פסוק: "וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ" - בקול רם (רש"י), און זאלסט נישט ציטערן פון די משטינים און מקטרגים, ווייל דו טוהסט אויסרופן אז דו ברענגסט א מתנה "לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ".

'שיחת חולין של ת"ח החדש' פרק א אות א; 'תכלת מרדכי'

### ברכת המצוות מן התורה

"בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן הַבַּיִת וְגַם נְתַתִּיו לַלֵּוִי וְלַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה כְּכָל מִצְוָתְךָ אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי" (כו יג)

רש"י טייטש (ע"פ דברי המשנה במעשר שני ה יא) אז אין די ווערטער "וְלֹא שָׁכָחְתִּי" רופט מען אויס אז מען האט נישט פארגעסן צו זאגן א ברכה ביי די הפרשה. **רבי אליהו מזרחי** לערנט פון דא ארויס אז דער עצם חיוב צו געבן א שבח והודיה צו ה' בשעת'ן מפריש זיין תרומות ומעשרות איז מדאורייתא, אבער די תורה האט נישט באשטימט דער נוסח, נאר די חכמים האבן קובע געווען זאגן א באשטימטן נוסח. אבער דער **'תוספות יום טוב'** (מעשרות ה יא) קריגט און האלט אז אויך דער עצם חיוב פון לויבן איז א תקנת חכמים, און די דרשה איז ווי א 'אסמכתא' אויף די תקנת חז"ל.

א נייער פשט אין דער ענין זאגט **רבי אריה צבי פרומער** קוזיגלובער רב:

דער עצם חיוב זאגן א ברכה אויף מצוות איז מן התורה, אבער מן התורה איז מען יוצא די חוב פון אלע ברכות המצוות מיטן זאגן ברכות התורה אינדערפרי [וואס איז א חיוב דאורייתא - זעה 'משנה ברורה' ריש סי' מז] ווייל דער גאנצער תכלית פון לערנען איז צוקומען 'לידי מעשה', אבער די חכמים האבן קובע געווען צו זאגן א ברכה אויף געוויסע מצוות. לויט די ערקלערונג קען מען זאגן אז די דרשה פון די חכמים וואס רש"י ברענגט אראפ איז געזאגט געווארן לגבי ברכת התורה, וואס אין דעם לויבט מען אויך אויף די מצוה פון הפרשת תרומות ומעשרות.

שו"ת 'ארץ צבי' סי' כז

### א שיינע כתר פאר דער וואס געבט אכטונג נישט רעדן א שיחת חולין

"וּלְתִתְּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר עָשָׂה לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם וּלְתִפְאָרֶת וְלִהְיֹתְךָ עַם קָדֹשׁ לַה' אֱלֹקֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר" (כו יט)

רבי יעקב **'בעל הטורים'** טייטש:

"לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם" - די לויב וואס אידן זאגן צו השם יתברך, "וּלְתִפְאָרֶת" - ווערט פון דעם א קרוין, אזוי ווי מען זאגט ביי קדושה: "כתר יתנו לך ה'... עמך ישראל קבוצי מטה". מיט די קרוין וועט הקב"ה באקרוינען כלל ישראל לעתיד לבוא, אזוי ווי די חכמים זאגן (מגילה טו ב): "עתיד הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וצדיק", וועט אויסקומען אז זייער לויב צו השי"ת איז צוריק געקומען צו די אידן. באטאנט דער 'בעל הטורים' אז דער כלל איז געזאגט געווארן נאר ביי איינער וואס געבט אכטונג נישט רעדן קיין שיחת חולין אין שול, אבער דער וואס געבט נישט אכטונג אויף דעם - אנשטאט די תפילה זאל זיין לתפארת "מקיפים לו כל גופו בקוצים".

דער ראש ישיבה **רבי אהרן קאטלער** לערנט ארויס פון די בעל הטורים, אז יעדע זאך וואס איז פארבינדן מיט כבוד שמים אויב ווערט עס נישט געטון ווי עס דארף צו זיין, איז ענדערשט עס זאל אינגאנצן נישט געטון ווערן. אזוי ווי מיר זען דא, דער וואס האט געדאוונט ווי עס דארף צו זיין, אויב שמועסט ער אין שול - אנשטאט פון זיין דאווענען זאל ווערן א קרוין אויף זיין קאפ, נעמט מען ארום זיין קערפער מיט דערנער.

'בעל הטורים' (ע"פ 'סוכת דוד' אות מד); 'משנת רבי אהרן' מאמרים ח"ב עמ' קמד

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ואמר כל העם אמן

אין אונזער פרשה לערנען מיר אויף דעם באזונדערן מעמד וואס די אידן זענען באפוילן געווארן אפרעכטן באלד ביים אריינקומען אין ארץ ישראל - "ונתתה את הברכה על הר גריזים ואת הקללה על הר עיבל (דברים יא כט)".

אין דער מעמד ווי דאס גאנצע פאלק האט זיך צוזאמגענומען כדי צו מאכן א 'בונד' אויף צו מקיים זיין די אלע מצוות, זענען די לויים געשטאנען אין די טאל צווישן הר גריזים און הר עיבל און אויסגערופן די ברכות פאר די וואס זענען מקיים די מצוות און די קללות פאר די וואס זענען עובר אויף די מצוות.

צוועלף ברכות און אקעגן זיי צוועלף קללות זענען געזאגט געווארן ביי דער מעמד, ווען זיי ווערן געענטפערט מיט די זעלבע רוף וואס האט אפגעקלונגען נישט ווייניגער פון פיר און צוואנציג מאל פון די מויל פון אלע מענטשן וואס האבן א טייל גענומען אין די מעמד, און דאס איז: "**אמן!!!**" - "ואמר כל העם אמן". מיט דעם רוף האבן אלע צוועלף שבטים פון כלל ישראל אויסגערופן זייער אמונה בה' ובתורתו, און זיך אונטערגענומען צו מקיים זיין די תורה ככתבם וכלשונם.

אויב מיר האבן ביז יעצט געוואוסט אויף די געוואלדיגע קדושה און דערהויבענע מעלה פון ענטפערן אמן, אויב מיר האבן ביז יעצט געהערט פון די געוואלדיגע מעלה און די פילע סודות וואס זענען אין איר באהאלטן, אנטפלעקן מיר אין אונזער פרשה אז דאס איז די ווארט מיט וואס גאנץ כלל ישראל האט זיך אונטערגענומען ביים אריינגיין אין לאנד צו זיין געטריי אויף די אמונה בה' ובתורתו, און דורך דעם האבן זיך פאר זיי געעפנט די טויערן פון די הייליגע לאנד און באקומען די גאנצע גוטסקייט וואס איז דא אין איר.

איך האב געטראכט צו זאגן, אז פון דער לשון הפסוק "ואמר **כל העם** אמן" קענען מיר זיך לערנען איבער א ספעציעלן געוויכט אין דער מצוה: מיטן ענטפערן אמן איז באפוילן געווארן דאס גאנצע פאלק, פון גרויס ביז קליין, אן א אויסנאם. די פאקט אז 'אמן' געהערט צו יעדן, איז באמת איינס פון די קענטיגע אייגנשאפטן פון ענטפערן אמן; פון ווען מיר זענען געווארן א פאלק ביז יעצט, איז די געשריי פון אמונה און קבלת עול מלכות שמים ביי אלעמען באקאנט - אנשים, נשים וטף, תלמידי חכמים און פשוט'ע מענטשן וואס היטן אפ די מצוות, און אויך די וואס ליידער זיי האבן צו דעם נישט זוכה געווען.

הונדערטער יארן נאך די מעמד פון די ברכות און קללות האט דוד המלך איבערגעזאגט די רוף (תהילים קו מח), און דאס מאל ווי א קלארע אנווייזונג וואס ווערט געזאגט אין באציאונג צו יעדע ברכה: "ברוך ה' אלוקי ישראל מן העולם ועד העולם - ואמר כל העם אמן".

זאלן מיר אלע זיך מחזק זיין, פון גרויס ביז קליין אין דער ענין פון ענטפערן אמן, מיר וועלן עס זאגן דורכאויס דעם גאנצן טאג, און אוודאי וועט די זכות אונז העלפן געבענטשט ווערן מיט א שנה טובה ומתוקה.

**מיט א רוף "ואמר כל העם אמן"**
**און א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א בן זכר - דורך די גזירה פון דער ראב"ד

דער גרויסער גאון רבי פינחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד העדה החרדית אין ירושלים איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגן כח התפילה וואס האט געשפאלטן די זיבן הימלען און נישט איינמאל צוגעברענגט צו אפענע ניסים. זיינע נאנטע זענען נישט איינמאל געשטאנען געפלעפט זעענדיג זיין שטארקייט אין כח התפילה, און די וואונדערליכע און באלדיגע רעזולטאטן וואס ער האט געפויעלט אין הימל.

פון די מויל פון זיינע מקורבים זענען געהערט געווארן אסאך איבער זיין כח התפילה. צום ביישפיל, ווען אין א געלעגנהייט האט ער באזוכט אין שפיטאל, איז ער מיטאמאל אטאקירט געווארן דורך א צובראכענער מענטש וואס האט פארלוירן זיין מענטשליכקייט, און האט אים אנגעהויבן שלאגן און אפילו שלעפן די בארד און פיאות. די צוויי יונגעלייט וואס האבן אים באגלייט און פראבירט אפהאלטן דעם שלעגער, זענען אויך באפאלן געווארן.

אבער דער ראב"ד, אנשטאט זיך דערשרעקן, האט צוגעמאכט די אויגן און מיט א פלאמעדיגן פנים האט ער איבער גע'חזר'ט עטליכע מאל דעם פסוק: "ה' אלוקי שוועתי אליך ותרפאני".

עטליכע סעקונדעס שפעטער האט זיך געהערט א קלאפ; דער שלעגער איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און איז געבליבן ליגן אזוי פאראליזירט ביז דער ראב"ד האט פארלאזט דעם ארט, ויהי לפלא.



דער ראב"ד רבי פנחס עפשטיין זצ"ל שטייענדיג אויף די וואך פון כשרות אין איינער פון די פאבריקן, באגלייט מיט הרב שיינבערגער און כ"ק אדמו"ר מטשאקאווא זצ"ל

אלס א טייל פון זיין ראלע אלס ראב"ד העדה החרדית, איז ער געווען פאראנטווארטליך אויפן שענקען די תעודות כשרות פון די בד"ץ אויף די ביזנעסער און פאבריקן וועלכע זענען אריבער זיין שטרענגע אויספארשונג.

עס איז נישט גרינג געווען ארויסצובאקומען אזא תעודת כשרות פון די הענט פון דער ראב"ד. ער איז געשטאנען שטרענג אויף יעדע האר פון די הוראות פון בית דין, און נישט באשטעטיגט קיין שום געשעפט אדער פאבריק איידער זיי האבן גענוי נאכגעפאלגט אלע הוראות פון בית דין, סיי צוליב כשרות און סיי עס זאל זיין צוגעפאסט צו דעם אידישן געשמאק, אן נאכלאזן עפעס אדער טון פשרות.

צוליב זיין ספעציעלע אחריות פלעגט דער רב פון מאל צו מאל אנקומען פלוצלינג אין די פאבריקן וואס זענען געווען אונטער די כשרות פון בד"ץ, כדי צו זען אויב אלע הוראות ווערן אויסגעפירט אזוי ווי מען האט געהייסן. פון מאל צו מאל פלעגט איבערראשן זיינע חברים צו די עבודת הקודש ווען ער פלעגט זיי בעטן זאלן מיט אים מיטקומען צו די פלוצים'ד'יגע באזוכן. געווענליך פלעגן די באזוכן אדורכגיין מיט א צופרידנהייט, אבער נישט איינמאל האט פאסירט אז ער האט אנטדעקט ביי די באזוכן אזעלעכע זאכן, וואס האבן צוגעברענגט אז די געשעפטן האבן פארלוירן דער זיגל פון בד"ץ.

איין אינדערפרי האט דער ראב"ד געבעטן פון זיין מקורב רבי אברהם אהרן שיינבערגער, ראש מערכת הכשרות של הבד"ץ, ער זאל אים באגלייטן אויף א פלוצים'דיגע באזוך אין א באקאנטער פאבריק פון נאשערייען וואס האט געהאט די הכשר פון הבד"ץ.

ווען זיי זענען אריין אין פאבריק איז דער בעל הבית איבערראשט געווארן זיי צו זען, אבער מיט פרייד האט ער זיי באגלייט די גאנצע באזוך אין אלע אפטיילונגען פון די פאבריק, ווען ער איז דערשראקן פון די רעזולטאטן פון די באזוך.

אין לויף פון א לאנגע צייט האט דער ראב"ד צוזאמען מיט זיין באגלייטער שפאצירט אויף די לענג און ברייט פון די פאבריק, ווען זיי קוקן איבער יעדע מאשין עקסטער, זיי גייען ארום אין אלע זאלן און הערן זיך צו די ערקלערונגען פון דער משגיח וואס האט זיך דארט געפינען.

ענדליך האט זיך געענדיגט די באזוך מיט די פולע צופרידנהייט פון די רבנים, די פאבריק איז געשטאנען אין אלע פאדערונגען פון די כשרות, און די רבנים האבן אויך אויסגעדרוקט זייער באגייסטערונג פון די ספעציעלע זאכן וואס איז דארט איינגעפירט געווען.

איידער זיי זענען אוועקגעגאנגען, איז דער ראב"ד צוגעגאנגען צו די אפיס פון דעם בעל הבית פון די פאבריק זיך געזעגענען פון אים און אים משבח זיין אויפן אפהיטן די כשרות פראצעדורן אין זיין פאבריק. צו זייער איבערראשונג האט דער מענטש געוויזן אויף א פאר-פאלק וואס האבן דארט געארבעט און געזאגט פארן ראב"ד: "דאס זענען מיין טאכטער און איידעם וואס ארבעטן דא מיט מיר. עס איז שוין אדורך געגאנגען עטליכע יאר פון זייער חתונה און זיי זענען נאך אלץ נישט געהאלפן געווארן מיט זרע של קיימא, איך בעט פון רב זאל גוזר זיין 'בגזירת רב' זיי זאלן בקרוב געהאלפן ווערן".

דער ראב"ד איז אויפגעציטערט געווארן הערנדיג די בקשה, עטליכע סעקונדעס איז ער געשטאנען איינגעזינקען אין זיינע געדאנקען, און ענדליך האט ער זיך אויסגעדרייט צו די פאר-פאלק און געפרעגט: "ענק זענען מקיים מצוות?", "יא" האבן זיי באלד באשטעטיגט, ווען טרערן רינען פון זייערע אויגן.

דער רב האט א קוק געטון מיט זיינע רחמנות'דיגע אויגן און מיט א שמייכל אויף די ליפן האט ער געפרעגט: "ווען אייך וועלן געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, וועלן אייך מיך רופן זיין דער סנדק?", "יא!" - האבן זי געענטפערט מיט באגייסטערונג און אן קווענקלען. "אויב אזוי", האט דער ראב"ד געענטפערט ווען די שמייכל איז נאך אויף זיין פנים, "איך וואונטש אייך אן, אז אין גיכן וועלן ענק געהאלפן ווערן מיט א זכר".

די וואס זענען געשטאנען ארום האבן געענטפערט צוזאמען אמן און דער ראב"ד האט פארלאזט דעם ארט.

און טאקע אזוי ווי דער רב האט גע'פסק'נט אזוי איז געווען; איידער עס איז אדורך א יאר זינט די ברכה, האבן די פאר-פאלק זוכה געווען צו א בן זכר צו די פרייד פון אלע זייערע באקאנטע.

גלייך נאכן געבורט איז דער גערירטער פאטער ארויף צום ראב"ד אין שטוב אים צו באדאנקען און דערציילן אז זיין ברכה איז מקוים געווארן, און האט מקיים געווען זיין הבטחה און אים פארבעטן צו דינען אלס סנדק פארן נייעם קינד. דער רב האט עס גערן אנגענומען, און אויף דעם באשטימטן טאג איז ער געקומען זיין דער סנדק ביי די ברית וואס איז פארגעקומען אין די שמחות זאל פון די ביקור חולים שפיטאל, ווען אויך דאסמאל באגלייט אים רבי אברהם אהרן שיינבערגער.

נאכן ברית, נאכן אנוואונטשן די קינד און זיינע עלטערן און זיך געגרייט ארויסגיין פון זאל, האט ער זיך אנגערופן צו רבי אברהם אהרן שיינבערגער וואס איז געווען נעבן אים: "זיכער וועט יעדער רעדן פון די 'מופת' וואס האט דא פאסירט, אבער זאלסט וויסן אז עס איז אינגאנצן נישט קיין מופת".

דער ראב"ד האט פארגעזעצט זיינע ווערטער מיט זיין געוואלדיגע מידת הענוה:

"ווען איך האב זיך צוריק געקערט צו מיין הויז נאך אונזער באזוך אין פאבריק, האב איך געטראכט צו מיר: וויאזוי האב איך גענומען אויף מיר אזא גרויסע אחריות; דער פשוטער איד באטראכט דאך מיך פאר א גרויסער מענטש. ער איז זיכער אז דער ראב"ד פון ירושלים האט א כח גוזר זיין אין בית דין של מעלה, וואס וועט זיין אויב חלילה וועט נישט מקויים ווערן וואס איך האב צוגעזאגט, עס קען דאך צוברענגען א חילול ה'...

האב איך ארויסגענומען דעם תהלים'ל פון די שאפע און אין לויף פון עטליכע שעות האב איך פארגאסן הייסע טרערן און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל העלפן דעם איד בדבר ישועה ורחמים. און ברוך ה' אז מיין תפילה איז אנגענומען געווארן און דער מענטש איז געהאלפן געווארן".

'ויעמוד פנחס ויפלל' ח"ב עמ' תרעג ותרעד; 'כח בי"ד יפה' בהקדמה

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## ברכת כהנים ווען עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן

**טז. אויב אלע מתפללים פון דער מנין זענען כהנים און עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן נאך זייער ברכה, זענען דא וואס האלטן אז אלע זאלן דוכנ'ען, ווייל דאס ענטפערן אמן איז נישט מעכב. אבער עס זענען דא וואס קריגן און האלטן אז ענטפערן אמן איז יא מעכב, דעריבער אויב דארט געפינען זיך נישט פרויען אדער קינדער וואס ווילן ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים, זאלן א טייל כהנים נישט דוכ'ענען, און זיי ווילן ענטפערן אמן אויף די ברכה פון די אנדערע.**

**מקורות וביאורים:**

דער 'פרי מגדים' (או"ח קכח א"א לח) האלט אז ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים איז נישט מעכב, און אזוי פסק'נט דער משנה ברורה (שם צט. וראה שער הציון שם עט שכן דעת העולת תמיד ודרך החיים). אבער רבי עקיבא אייגער (הגהות רעק"א שם, בשו"ע מהד' מכון ירושלים) האלט אז ענטפערן אמן אויף ברכת כהנים איז מעכב, און אויב עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן - זאלן די כהנים נישט דוכנ'ען.

אין ירושלמי (ברכות ה ד) שטייט: "עיר שכולה כהנים נושאים את כפיהם... ומי עונה אמן אחריהם? הנשים והטף". די הלכה איז אויך גע'פסק'נט אין רמב"ם (תפילה טו ט) און אין שו"ע (או"ח קכח כה). פון דער עצם שמועס פון ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים אין א שטאט וואס אלע זענען כהנים, ברענגט דער 'אגרות משה' (או"ח ח"ב סי' לא) א ראי' אז נישט נאר ענטפערן אמן אויף ברכת כהנים איז מן התורה, נאר עס אויך מעכב, אזוי ווי ענטפערן אמן ביי די מעמד אין הר גריזים און אין הר עיבל איז געווען לעיכובא. דעריבער אויב עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן אויף די ברכת כהנים זאלן די כהנים נישט דוכנ'ען. נאך לייגט צו דער 'אגרות משה' (שם) דער וואס געפינט זיך אין שול ביי ברכת כהנים און ענטפערט נישט אמן כאטש ער קען ענטפערן - "איז נישט בכלל הברכה".

## נאך תפילות און בקשות

**יז. אויף תחינות און בקשות, אויך די וואס ווערן געזאגט אן קיין שם ומלכות - דארף מען ענטפערן אמן. צוליב דעם איז פארשפרייט געווארן דער מנהג צו ענטפערן אמן אויף די 'הרחמן' וואס ווערן געזאגט ביי ברכת המזון.**

**מקורות וביאורים:**

דער 'מגן אברהם' (רטו ג) שרייבט: "עס שטייט אין מדרש, ווען איינער הערט ווי איינער דאוונט אויף עפעס, אדער ער וואונטש אן א איד, אפילו אן דערמאנען די נאמען פון ה' חייב לענות אמן, און וועגן דעם ענטפערט מען אמן נאך די הרחמן'ס ביים בענטשן". פון זיינע ווערטער זעט אויס לכאורה אז ענטפערן אמן נאך א תפילה וואס ווערט נישט דערמאנט די נאמען פון ה' איז א ריכטיגער חיוב. אבער אין 'העמק שאלה' (נג ב) ערקלערט ער אז עס איז נישט קיין ריכטיגער חיוב, נאר א מידת חסידות. און אזוי זעט אויך אויס אין 'משנה ברורה' (רטו ט) וואס שרייבט: "עס שטייט אין מדרש, ווען איינער הערט ווי איינער דאוונט אויף עפעס, אדער ער וואונטש אן א איד, אפילו אן דערמאנען די נאמען פון ה' דארף מען ענטפערן אמן, און וועגן דעם איז פארשפרייט געווארן דער מנהג צו ענטפערן אמן אויף די הרחמן'ס ביי ברכת המזון". זעט מען, כאטש ער ציטירט די מדרש וואס דער 'מגן אברהם' ברענגט, זאגט ער קלאר אז ענטפערן אמן נאך "די הרחמן'ס ביי ברכת המזון" איז נאר א מנהג (וכ"כ בקשו"ע מד ז). און זעה אויך אין 'משנה ברורה' (קפט ה) וואס שרייבט: "נאך 'הרחמן' דארף מען ענטפערן אמן און אזוי אויך נאך יעדע תחנה און בקשה כאטש עס איז נישטא אין דעם א שם".

אין 'דרך משה' (ליום יא) שטייט דער וואס איז אים געשען א אונס און האט נישט געדאוונט בציבור קען משלים זיין די אמנים פון די הויכע שמו"ע דורך ענטפערן אמן נאך די הרחמן, "ווייל מען האט מתקן געווען י"ח הרחמן, אנשטאט די ח"י ברכות ביים דאווענען".

## נאך בקשות וואס זענען אינמיטן די ברכות

**יח. ראש חודש און ימים טובים, ווען דער שליח ציבור זאגט ביי די ברכה 'רצה' די בקשה 'יעלה ויבוא', ענטפערט דער ציבור אמן נאך די דריי בקשות: א. "זכרנו ה' אלקינו בו לטובה". ב. "ופקדנו בו לברכה". ג. "והושיענו בו לחיים טובים", טראץ מען ענטפערט אמן ביי די אויספיר פון די גאנצע ברכה. דאס זעלבע זענען דא נאך בקשות ביי די סדר הברכות וואס מען פירט זיך ענטפערן אמן נאך זיי, כאטש מען ענטפערט אמן אין ענדע פון די ברכה.**

**מקורות וביאורים:**

אין 'שבלי הלקט' (תפילה כג) שטייט: "'זכרנו ה' אלקינו בו לטובה' עס זענען דא וואס ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה און ברכה, און עס זענען דא וואס ענטפערן אמן אין ענדע". און דער 'פרי מגדים' (או"ח משב"ז תכב ד) שרייבט אז מען פירט זיך ענטפערן אמן אויף זיי. אין 'שמירת שבת כהלכתה' (מילואים ותיקונים פרק נז) שרייבט ער, אז לויט די דרישה (או"ח קכז א) איז ענטפערן די אמנים א חוב און נישט נאר א מנהג. און דער 'מאמר מרדכי' (קכז ו) האלט אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך די בקשות, נאר מען זאל זאגן נאך זיי 'כן יהי רצון', אזוי ווי מען זאגט נאך די פסוקים פון ברכת כהנים וואס ווערן געזאגט דורכ'ן שליח ציבור ווען עס זענען נישטא קיין כהנים.

נאך שטייט אין 'שמירת שבת כהלכתה' (שם) אין נאמען פון הגרש"ז אויערבאך אז דער דין איז געזאגט געווארן נאר אויף ענטפערן אמן נאך די בקשות פון 'יעלה ויבוא' ביי די הויכע שמו"ע, אבער ביי "יעלה ויבוא" פון ברכת המזון איז אינגאנצן נישטא קיין חיוב צו ענטפערן. דעריבער דער וואס האלט אינמיטן בענטשן זאל נישט ענטפערן אמן אויף די בקשות, אפילו ווען ער שטייט צווישן איין ברכה און די צווייטע. און קוק נאך אין ספר עיוני הלכות (ח"ב ענין יג) וואס ער שרייבט אין דער ענין.

## נאך א 'מי שברך'

**כ. עס איז א מצוה צו ענטפערן אמן נאך די 'מי שברך' וואס מען זאגט אין שול, און דער וואס ענטפערט איז מקיים די מצוה 'ואהבת לרעך כמוך'.**

**מקורות וביאורים:**

אזוי שטייט אין 'ערוך השלחן' (רטו א). און זעה אין שו"ע הרב (קפט ו) וואס שרייבט: "יעדער וואס בענטש א איד איז א מצוה ענטפערן אויף דעם אמן...". און זעה אין 'ביאורים ופסקים לרבינו אביגדור צרפתי' (פר' ואתחנן) אז עס איז ענדערשט צוזאגן צדקה ברבים [ביים זאגן די "מי שברך"] אויף א קראנקן, וואס א רבים ענטפערט אמן, פון צוזאגן צדקה ביחיד". אין 'הליכות שלמה' (תפילה פ"ח הערה 16) ווערט געברענגט אז הגרש"ז אויערבאך פלעגט מעורר זיין אז נאכן זאגן תהלים אויף א קראנקן, זאל מען זאגן הויעך א 'מי שברך', און דער ציבור זאל ווארטן און ענטפערן אמן נאך דעם.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

## א ברכה בכוונה ווערט נישט פארגעסן

**בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן הַבַּיִת וְגַם נְתַתִּיו לַלֵּוִי וְלַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה כְּכָל מִצְוָתְךָ אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי"** (כו יג)

רש"י טייטש (ע"פ מעשר שני ה יא) אז אין די ווערטער "וְלֹא שָׁכָחְתִּי" זאגט דער מתוודה אז ער האט נישט פארגעסן צו זאגן א ברכה אויף הפרשת מעשרות, און מען דארף פארשטיין פארוואס ווערט עס דערמאנט מיט א לשון שלילי [נישט]: "ולא שכחתי" [פון זאגן א ברכה], און נישט א לשון חיובית - 'וברכתי'?

טייטש דער **'בית ישראל'**: די כוונה איז נישט זיך צו בארימען אז מען האט נישט פארגעסן צו זאגן א ברכה, נאר צו זאגן אז די ברכה איז געזאגט געווארן מיט כוונה און א ערנסקייט, אויף אזא וועג אז מען האט נישט פארגעסן צי מען האט געזאגט די ברכה אדער נישט.

'ליקוטי יהודה'

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

### מען באשווערט די נשמה זאל זיין א צדי"ק

חז"ל זאגן (נדה ל ב) בעפאר די נשמה פון א מענטש קומט אויף דער וועלט באשווערט מען איר: "תהי צדיק, ואל תהי רשע". וואונדערט זיך דער 'צמח צדק': קען דען יעדער זיין א צדיק גמור, די חכמים זאגן דאך (יומא לח ב): "ראה הקדוש ברוך הוא שצדיקים מועטים, עמד ושתלן בכל דור ודור", אויב אזוי וואס איז די באדייט פון די שבועה?

ערקלערט ער: די שבועה ער זאל זיין א צדיק איז נישט די כוונה אויף אלע זיינע מעשים, נאר ער זאל מקפיד זיין ענטפערן ניינציג אמנים און אנדערע דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט "צדיק" - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות - און די שבועה באשווערט מען יעדן איד בעפאר ער קומט אויף דער וועלט: זיי מקפיד אויף די ציפערן וואס זענען מרומז אין די ווארט צדי"ק און דורך דעם: תהי צדיק, ואל תהי רשע" ('קיצורים והערות לספר לקוטי אמרים' עמ' סז).

### פארקויפן 'צדי"ק' צוליב געלט

רבי נפתלי הירץ קרעטשמער פון פאנאוויזש:

אמאל, צוליב די דאגה פון פרנסה און די גלוסטעניש נאך געלט ווערט דער מענטש איבערגערעדט צו דאווענען ביחידות, און מיט דעם פארפעלט ער די געלעגנהייט צו פארענדיגן די ציפערן פון אמן, קדיש און קדושות וואס די חכמים האבן באשטימט. אויף אזא איינער און זיין גלייכן קלאגט דער נביא (עמוס ב ו): "על מכרם בכסף צדיק" - אויף די וואס פארקויפן פאר געלט די צאל פון די דברים שבקדושה וואס די ווארט צדיק איז מרמז אויף דעם: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. און אויף דעם זאגן חכמים (ברכות ו ב): "דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם" ('נועם המצות' מצוה תלג).

### ש"י עולמות פאר די מלאכים פון אמן

חכמים זאגן (סנהדרין ק א): "עתיד הקדוש ברוך הוא ליתן לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, שנאמר (משלי ה כא): 'להנחיל אהבי יש [בגימטריה שלוש מאות ועשר] ואוצרותיהם אמלא'". דער 'חפץ חיים' וואונדערט זיך, וואס איז די תועלת וואס צדיקים האבן פון די אלע עולמות? ערקלערט ער: דער צדיק וואס איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות און ענטפערן ניינציג אמנים, באשאפט ער יעדן טאג אסאך מלאכים, ווייל פון יעדע ברכה און פון יעדע אמן ווערט באשאפן א מלאך. קומט אויס, אין לויף פון אסאך יארן וועט ער פארמאגן הונדערטער טויזנטער מלאכים וואס ער האט באשאפן. וועגן דעם באקומט ער די הבטחה אז ער וועט האבן ש"י עולמות, כדי דער צדיק זאל קענען האבן זיין תענוג אין עולם הבא צוזאמען מיט די צענדליגער טויזנטער מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דורך די מצוות וואס ער האט געטון ('חסד לאברהם' [לרבי אהרן כהן חתן הח"ח] דברים נעימים ז).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**לכבוד הנגיד הנכבד הרב יעקב דוב מארמארשטיין**

אין די געציילטע שורות איך וויל זיך באדאנקען אויף דעם וואונדערבארן פראיעקט 'דרך אמונה', וואס דורך דעם האב איך זוכה געווען אויפשטיין פרי, און איך האף אי"ה ווייטער אויך, זוכה און מזכה זיין יעדן טאג מיט ענטפערן הונדערטער אמנים.

ווייל איך ווייס אז עס זענען פארהאן הונדערטער וואס האבן אין ענקער זכות זוכה געווען צו דעם אזוי ווי איך - איך קען נאר מקנא זיין אויף די פילע זכיות וואס פארמערן זיך יעדן טאג אין די אוצר פון דער וואס האבן צוגעברענגט די גרויסע רעוואלוציע. איך האב נישט קיין ספק, אז גאנץ כלל ישראל איז אייך שולדיג א גרויסן דאנק אויפן שטארקן מויער וואס ווערט באשאפן דורך די צענדליגער טויזנטער אמן'ס וואס באשיצט זיי יעדן טאג.

מסכת אבות ענדיגט זיך מיט די באקאנטע ברייתא: "רבי חנניא בן עקשיא אומר: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות, שנאמר: 'ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר'". די מימרא איז ספעציעל פארבינדן מיט די מצוה פון ענטפערן אמן; סיי צוליב דעם וואס עס איז מעגליך [און אויך א חוב] צו פארמערן 'אמן' גרינגערהייט אן קיין פלאג, און סיי ווייל די סופי תיבות פון דער פסוק וואס די משנה ברענגט: "למען צדקו יגדיל תורה" זענען גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון אמן.

ויהי רצון שחפץ ה' בידכם יצליח אויספירן דעם רצון ה' פארמערן מצוות אין כלל ישראל להגדיל תורה ולהאדירה.

**י.ח.**

**רכסים**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די לוויה פון דער 'חפץ חיים' זי"ע אין ראדין

### דער 'חפץ חיים'
### כ"ד באלול תרצ"ג

רבי ישראל מאיר הכהן פון ראדין, בעל 'חפץ חיים', איז געבוירן געווארן י"א שבט שנת תקצ"ט צו זיין פאטער רבי אריה זאב אין שטעטל זע'טל אין בעלארוס. אלס קינד האט ער געלערנט אין ווילנא, און נאך זיין חתונה האט ער זיך אריבערגעצויגן צו די שטעטל ראדין וואו ער האט געוואוינט ביז צו זיין פטירה.

אין יאר תרכ"ט האט ער געגרינדעט די ישיבה אין ראדין, וואס מיט די יארן איז עס באקאנט געווארן אלס איינע פון די חשוב'סטע ישיבות אין אייראפע, אין יאר תרל"ג האט ער ארויסגעגעבן זיין באקאנטן ספר 'חפץ חיים' אויף הל' לשון הרע און רכילות, און עטליכע יאר שפעטער האט ער מחבר געווען דעם ספר 'שמירת הלשון'.

אין לויף פון דרייסיג יאר האט ער זיך אפגעגעבן מיט די גרויסע ארבעט פון צונויפשטעלן די 'משנה ברורה' אויף שולחן ערוך אורח חיים. ער האט אויך מחבר געווען אסאך ספרים אויף הלכה און מוסר, דאס איז אויסער זיינע גרויסע טעטיקייטן פאר קיום התורה און עולם הישיבות איבער דער וועלט. ער איז נפטר געווארן כ"ד אלול תרצ"ג, און איז געקומען לקבורה אין ראדין.

### מער א חשוב'ער ברכה

אזוי איז גע'פסק'נט אין 'משנה ברורה' (קסז כ): "ענטפערן אמן איז אויך א טייל פון די ברכה ... דורך דעם וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן - איז די ברכה מער חשוב'ער".

### זעכציג אמנים ביי תפילת שחרית

אין זיין ספר 'נדחי ישראל' (פ"ה) ערקלערט ער אז אויסער די עצם מעלה פון תפילה בציבור, איז דער וואס דאוונט בציבור זוכה צו זאמלען אסאך אמנים: "אויב דאוונט ער בציבור וועט אים צוקומען יעדן טאג נאך עטליכע צענדליגער מצוות פון די 'אמנים' וואס ער ענטפערט אויף יעדע ברכה וואס ער הערט. און זיי זענען: זעכצן פון די ברכות השחר, און נאך פיר אמנים ביז שמונה עשרה, און ניינצן פון חזרת הש"ץ, און נאך עטליכע אמנים פון די קדישים וואס איז דא ביי יעדע תפילה בציבור... וואס באטרעפן נאנט צו זעכציג אמן'ס נאר פון תפילת שחרית אליין. און עס איז גרויס דער זכות פון דער וואס ווארט אפ צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס ער הערט, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב) אז צוליב דעם עפנט מען פאר אים שערי גן עדן...".

### מחנך זיין די קינדער צו ענטפערן אמן

אין דער ענין פון דער חוב צו מחנך זיין די קינדער אויף ענטפערן אמן שרייבט דער חפץ חיים אין זיין ספר 'חומת הדת' (חתימת הספר מאמר שני): "ער זאל נאכזוכן מלמדים וואס זענען באקאנט פאר מומחים אין זייער פאך און באקאנט פאר יראי ה'... און זאלן אכטונג געבן צוגעוואוינען די קינדער צו היטן די מצוות און מנהגים לויט זייער וועג, צ.ב.ש. ברכת הנהנין און ענטפערן אמן... אז דער געוואוינהייט אין זייערע קינדערישע יארן זאל זיין ווי א 'טבע שני' אז אויך אויף דער עלטער זאלן זיי בלייבן מיט דעם"